**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 90 מיליאן דאלאר פארטיילט אריבער די סטעיט דורך FAST NY פראגראם צו דעוועלאפען שטחים וואס זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט**

***צווייטע רונדע גרענטס וועלן שאפן דזשאבס און העלפן צוציהען און אויסברייטערן וויכטיגע וואקסנדע אינדוסטריעס אין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז כמעט 90 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן פאר זעקס לאקאציעס אונטער דעם "קאנצענטרירטע צוציהאונג פון ארבעט'ס-גרייטע שטחים - ניו יארק" (Focused Attraction of Shovel-Ready Tracts New York, FAST NY) גרענט פראגראם. צום ערשט אנאנסירט אין פעברואר פון 2022, איז דער פראגראם אויסגעשטעלט צו צוגרייטן און דעוועלאפען שטחים אריבער די סטעיט צו פארמערן די גרייטקייט פון ניו יארקע שטחים צו אנהויבן געבויט ווערן און דערמיט מאכן די שטחים מער ציהענד פאר גרויסע ארבעטסגעבער און הײ-טעק מעניופעקטשורינג פירמעס. דער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) וועט העלפן מאכן ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע מער פארשידנארטיג בשעת'ן פאראויס טרייבן נייע אינוועסטירונגען פאר ביזנעסער, קאמיוניטיס און צו שאפן דזשאבס.

"דורך דעם FAST NY גרענט פראגראם זעצט ניו יארק פאר מיט איר צוזאג צו אינוועסטירן אין- און פארברייטערן עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייט אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט אנגרייטן וויכטיגע שטחים וואס אינדוסטריעס ווי סעמי-קאָנדאָקטערס און ריינע ענערגיע זוכן צו אנהויבן אויפבויען, און עס וועט שאפן גוטע דזשאבס און מאכן לאקאלע עקאנאמיעס וואקסן פאר פילע קומענדיגע דורות."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט נעמט אונטער אקטיווע שריט פון פאראויס כדי צו זיכער מאכן אז מיר זענען פון די ערשטע אויף די ליסטע ווען פירמעס הויבן אן מיט דעם פראצעדור פון אויסוועהלן א לאקאציע, און FAST NY ערלויבט לאקאלע רעגירונגען און IDA's צו האבן די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען דעוועלאפען שטחים פאר ספעציפישע אינדוסטריעס ווי פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, סעמי-קאָנדאָקטערס, ריינע ענערגיע, ביאלאגישע וויסנשאפט און אגריקולטורישע ביזנעס. דורך פראגראמען ווי Fast NY מאכן מיר זיכער אז ניו יארק סטעיט פארבלייבט א הויפט דעסטינאציע פאר פירמעס וואס ווילן זיך אריבערציהען און זיך אויסברייטערן."

גאווערנער האקול האט אנאנסירט אין די פארגאנגענהייט 40 מיליאן דאלאר אין FAST NY גרענטס פאר די ערשטע זיבן פראיעקטן דעם זומער. מיט די היינטיגע אנאנס, איז כמעט 130 מיליאן דאלאר פארטיילט געווארן פאר דרייצן לאקאציעס אריבער די סטעיט. די נייע פראיעקטן צו באקומען פינאנצירונג זענען:

- **דזשענעסי קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( Industrial Development Agency, IDA) – 56 מיליאן דאלאר:** די מערב ניו יארקע 'וויסנשאפט טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק' ( Science Technology Advanced Manufacturing Park, STAMP) איז א ריזיגע שטח פון 1250 אקער, מיט צוטריט צו באדייטנדע עלעקטריציטעט, וואסער און פארענדיגטע פריע דעוועלאפמענט שטאפלען. STAMP איז די גרעסטע איבערבלייבנדע שטח אין ניו יארק סטעיט, און די סטעיט רעגירונג האט שוין צוגעזאגט איבער 50 מיליאן דאלאר פאר די שטח וואו Plug Power'ס גרינע היידראודזשען פראיעקט איז יעצט אונטער קאנסטרוקציע און וואו Edwards Vacuum וועט אנהויבן קאנסטרוקציע אויף זייער 'טרוקענע פאמפ' פאבריק קומענדיגן פרילינג. STAMP האט א גרויסע חלק אין די לעצטיגע דעזיגנירונג פון דעם באפעלאו-ראטשעסטער-סירעקיוס ראיאן אלס א 'ראיאנישע טעכנאלאגישע צענטער' דורך די EDA, און אזוי אויך שפילט עס א גרויסע ראלע אין די סטעיט'ס סטראטעגישע ציהל צו אויפשטעלן א "סעמי-קאָנדאָקטער סופערהייוועי" אריבער אפּסטעיט. די יעצטיגע פאזע פון דעם פראיעקטן קאנצענטרירט זיך אויף דאס אויפבויען די איבעריגע אינפראסטרוקטור צו קענען אריינגעמען פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פראיעקטן, אריינרעכענענדיג א סוער וואסער ריניגונג איינריכטונג און פאמפּ סטאנציע, סוער וואסער רערן, פארבינדונג צו אריינברענגען נאטורליכע גאז און רערן עס צו פארשפרייטן אריבער די שטח, קאנסטרוקציע אויף די שאסיי און וואסער רערן. סך הכל קאסט פון פראיעקט: 62.37 מיליאן דאלאר
- **טאון אָוו קווימענס, אלבאני קאונטי – 17 מיליאן דאלאר:** דער פראיעקט וועט ערלויבן צו מאכן עלעקטרישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג די קאנסטרוקציע פון עלעקטרישע דראטן און צוויי סאָב-סטאנציעס וועלכע דינען די פארט פון קווימענס און ערמעגליכן נאך וואוקס בי די דערנעבנבדע אינדוסטריאלע שטח, אריינרעכענענדיג די קווימענס אינדוסטריאלע פארק וואס איז יעצט זייער איבערגעשטרענגט מיט עלעקטריציטעט. די סאָב-סטאנציעס וועלן ערלויבן די פארט פון קווימענס און די דערנעבנבדע אינדוסטריאלע פארק צו באקומען MW50 פון עלעקטריציטעט, מיט די קאפאציטעט צו קענען צושטעלן ביז אזויפיל ווי 100 MW פאר פאטענציאלע צוקונפטיגע דעוועלאפמענט. די עלעקטריציטעט – צוזאמען מיט צוטריט צו וואסערן וואו שיפן קענען פארן און שטחים וואס זענען נאכנישט אויפגעבויט – מאכט די לאקאציע פאר א וויכטיגע סטראטעגישע אוצר פאר ניו יארק סטעיט צו קענען אהין ברענגען אינדוסטריאלע מאשינעריי מעניופעקטשורינג און 'קלין-טעק' און ריינע ענערגיע מעניופעקטשורינג. סך הכל קאסט פון פראיעקט: 83.8 מיליאן דאלאר
  - **שעטאַקווע קאונטי IDA, שעטאַקווע קאונטי – $5,250,000:** די Ripley Interstate 90 שטח וואס איז גרייט פאר ארבעט צו אנגעהויבן ווערן וועט ערלויבן אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג עלעקטריציטעט, גאז, וואסער און סוער אויסברייטערונגען און אזוי אויך דאס אויספלאסטערן פון א שאסיי צו קענען צוקומען צו די שטח. דער פראיעקט – וואס ציהלט צו צוציהען לייכטע מעניופעקטשורינג און פירמעס וואס ארבעטן אין דיסטריביושען און לאגיסטיקס אריבער סטעיט גרעניצן – באשטייט פון צוויי פאזעס כדי צו מאכן פארלאנגטע פארבעסערונגען צו די שטח צו טראנספארמירן 136 אקער פון אומבאנוצטע שטח צו ווערן גרייט צו אויפגעבויט ווערן און ערמעגליכט מיט אינפראסטרוקטור דירעקט אראפ פון אן אינטערטשעינדזש מיט די I-90. סך הכל קאסט פון פראיעקט: 16 מיליאן דאלאר

- **טאון אָוו איסט פישקיל, דאָטשעס קאונטי – $2,000,000:** דער iPark וואסער דיסטריקט פראיעקט וועט שאפן א נייע וואסער דיסטריקט פאר די iPark 87 איינריכטונג מיט א נייע סיסטעם פון וואסער רערן ארומנעמנדיג די שטח און ערלויבנדיג דעוועלאפמענט פון נאך 125 אקער מיט די ציהל פון צוציהען די אפּטיקס און סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריעס און אזוי אויך דיסטריביושען און לאגיסטיקס אריבער סטעיט גרעניצן. די אינפראסטרוקטור איז קריטיש צו

קענען פאַרענדיקן די פאַרוואַנדלונג פון די געוועזענע IBM קאָמפּלעקס צו ווערן אַ פאַרגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק פאַר מערערע טענאַנטס. סך הכל קאָסט פון פראיעקט: 6 מיליאָן דאָלאַר

- **הערקימער קאונטי IDA, הערקימער קאונטי – $4,372,000:** די סקיילער ביזנעס פארק וואָס ציהלט צו צוציהען 'קלין-טעק', ריינע ענערגיע און דיסטריביושען און לאָגיסטיקס אַריבער סטעיט גרעניצן וועט מאַכן אינפראַסטרוקטור פאַרבעסערונגען דורכן אינסטאלירן אַ 500,000-גאַלאָן וואַסער סטאָרעדזש טאַנק צו פאַרזיכערן גענוג שטאַרקע וואַסער פּרעשור און פייער אויסלעשונג מעגליכקייטן. אין צוגאַב וועט עס ערלויבן פאַרבעסערונגען צו די עקזיסטירנדע אַריינגאַנג, אַדרעסירנדיג טראַפיק זאָרגן וואָס שטעלן אַ סכנה פאַר דרייווערס. דער פראיעקט וועט ערלויבן דעוועלאָפּמענט אויף מער פון 80 אַקער. סך הכל קאָסט פון פראיעקט: 5.1 מיליאָן דאָלאַר
- **קאונטיס אָוו וואָרען און וואשינגטאן IDA, וואשינגטאן קאונטי, הויפטשטאט ראיאן – $4,739,000:** דער Fort Edward קאנאל-זייט ענערגיע פארק פראיעקט וועט ערלויבן די פולשטענדיגע פאַרענדיגונג פון סוּער וואַסער אינפראַסטרוקטור און פאַרבעסערונגען צו די טרונקען וואַסער אינפראַסטרוקטור אין די געוועזענע GE 'די-וואָטערינג' איינריכטונג. די 80-אַקער-גרויסע קאנאל-זייט ענערגיע פארק (Canalside Energy Park, CEP) איז אַ אין אייגנארטיגע אינדוסטריאלע שטח וואָס האָט צוטריט מיט דריי מיטלען — דורך די באַן, די שאָסיי און מיט אַ שיף דורך די טשעמפּלעין קאנאל, און עס וועט צוציהען אַגריקולטורישע ביזנעס, אינדוסטריאלע מאַשינערײ מעניופעקטשורינג און ריינע ענערגיע מעניופעקטשורינג. מיט נויטיגע פאַרבעסערונגען צו די סוּער וואַסער און טרונקען וואַסער, וועלן די אייגנארטיגע אייגנשאַפטן פון די פּשטח קענען צוציהען אַ באַדייטנדע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג געלעגנהייט אין אַ פּלאַץ וואָס איז אין אַ געדרוקטע מצב. סך הכל קאָסט פון פראיעקט: 6.2 מיליאָן דאָלאַר

די FAST NY פינאַנצירונג פון ESD פאַרטיילט גרענטס פאַר אַקטיוויטעטן וואָס קומען פאַר דעוועלאָפּמענט און פאַר אינפראַסטרוקטור אינוועסטירונגען צו דעוועלאָפּען שטחים וואָס וועלן צוציהען פּילע באַרעכטיגטע אינדוסטריעס — אַריינרעכענענדיג הײ-טעק מעניופעקטשורינג, סעמי-קאָנדאָקטערס, 'קלין-טעק' ריינע ענערגיע, ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פאַרמינג ביזנעסער, אָפּטיקס, טראַנספּאָרטאַציע עקוויפּמענט, מאַטעריאַל פּראָצעסירונגען, פאַבריצירן אינדוסטריאלע מאַשינען און אַנדערע פאַרגעשריטענע מעניופעקטשורינג. די שטחים קענען אויך גענוצט ווערן פאַר דיסטריביושען און לאָגיסטיקס אַריבער סטעיט גרעניצן. דורך FAST NY, קען ESD שענקען אַ "FAST NY אַרבעט'ס-גרייטקייט סערטיפיקאַציע" פאַר שטחים וואָס קומען נאָך הויכע סטאַנדאַרטן פון אַרבעט'ס גרייטקייט כדי צו שטיצן און פאַרשטערקערן דערמיט זייערע מאַרקעטינג באַמיאונגען צו צוציהען מער אינדוסטריעס. פאַר מער אינפאָרמאַציע אָדער צו אַפּלייען פאַר אַ FAST NY גרענט, באַזוכט [esd.ny.gov/fast-ny](https://esd.ny.gov/fast-ny).

**ניו יארק סטעיט עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאָר, רייען מ. סילווע, האָט געזאָגט,** "אינוועסטירן אין שטחים צו צוציהען די קאַריערעס און אינדוסטריעס פון די צוקונפט זענען קריטיש פאַר די הצלחה פון ניו יארק'ס עקאָנאָמיע. אינוועסטירונגען אין אינפראַסטרוקטור שאַפן שײן-באַצאָלטע קאַנסטרוקציע דזשאָבס און העלפן ווייטער ערמעגליכן שותפות'ן צווישן די רעגירונג און פּריוואַטע קערפּערשאַפטן. די היינטיגע גרענטס טוהען ווידעראַמאָל אַנערקענען די קריטישע ראָלע וואָס אינדוסטריאלע דעוועלאָפּמענט אַגענטורן שפּילן אין ניו יארק'ס עקאָנאָמיע, צוזאַמברענגענדיג לאָקאַלע מומחיות'שאַפט און מיטלען מיט סטעיט פינאַנצירונג צו שטיצן און אויפבויען ענווייראַמענט-פריינטליכע קאָמיוניטיס. מיר באַדאַנקען גאווערנער האָקול און די מאַנשאַפט פון ESD פאַר זייער פּירערשאַפט און שותפות מיט דעם FAST NY פּראָגראַם, און די דעוועלאָפּערס וואָס האָבן באַקומען גרענטס פאַרן אינוועסטירן אין ניו יארק'ס צוקונפט."

**אַסעמבלי מיטגליד הערי בראָנסאָן האָט געזאָגט,** "די היינטיגע אַנאָנס דורך גאווערנער האָקול שטעלט אוועק ניו יארק אויף אַ שטאַרקע פּאָזיציע צו קענען קאָנקורירן אויפן מאַרקעט אַזוי ווי מיר פאַרזיכערן

פריוואטע און רעגירונג אינוועסטירונג פאר אונזער עקאנאמישע אנטוויקלונג. אלס פארזיצער פון די אסעמבלי'ס קאמיטע אויף עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטיץ איך שטארק FAST-NY און איך ווייס אז עס איז א וויכטיגע ערשטע טריט צו פארזיכערן א גוטע יסוד פאר דזשאב וואוקס. FAST-NY, צוזאמען מיט אונזער פעדעראלע דעזיגנירונג אלס א 'טעכנאלאגישע צענטער', וועט אונז ערלויבן צו צוציהען די פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פירמעס וואס זענען קריטיש פאר אונזער ראיאן'ס צוקונפטיגע עקאנאמישע אויסברייטערונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן